פרשת שמיני ||| שנת תשפ"ה לפ"ק ||| גליון ק

# הבינוני

שיעורי הרב שמעון שפיצער שליט"א

"להבין ולהשכיל לשמוע ללמוד וללמד לשמור ולעשות ולקיים"

שיעורי הרב שמעון שפיצער שליט"א

באידיש

חודש ניסן — א

ספירת העומר — ה

נקודה למחשבה — ז

## בר אבטח

### כי ממנו תקותי;

די רואיגע אמונה בליק ווען די ביזנעס גייט נישט ווי געפלאַנט

חובת הלבבות שער הבטחון שיעור מ"ט, יום ראשון פרשת אח"ק, ב' אייר תש"פ

חלק א

א

## אך לאלקים דומי נפשי; פּראָבלעמען אין דער ביזנעס באַאומרואיגט נישט דעם בעל בטחון

**אותיות מחכימות** — ספה"ק שפת אמת פרשת צו תרמ"א

וּמֵהֶם, מְעוּט צַעַר נַפְשׁוֹ בַּמִּסְחָר אִם יִתְעַכֵּב אֶצְלוֹ, אוֹ פְּרַקְמַטְיָה, אוֹ אִם לֹא יוּכַל לִגְבּוֹת חוֹבוֹ, אוֹ אִם יִפְגָּעֵהוּ חֳלִי בְּגוּפוֹ - מִפְּנֵי שֶׁהוּא יוֹדֵעַ כִּי הַבּוֹרֵא יִתְבָּרֵךְ מְתַקֵּן עִנְיָנוֹ יוֹתֵר מִמֶּנּוּ, וּבוֹחֵר לוֹ טוֹב יוֹתֵר מִמַּה שֶּׁהוּא בּוֹחֵר לְעַצְמוֹ. כְּמוֹ שֶׁאָמַר (תהלים סב) אַךְ לֵאלֹקִים דּוֹמִי נַפְשִׁי כִּי מִמֶּנּוּ תִּקְוָתִי.

### ווען די ביזנעס הינקעט אונטער

דער חובת הלבבות רעכנט אַצינד אויס נאָך אַ תועלת, וויאַזוי דער בעל בטחון געניסט פון אַ רואיגע און געשמאַקע לעבן. דאָס איז טאָמער ער איז **אַ סוחר וואָס האַנדלט פאר פּרנסה,** און געווענליך איז דאָ אַסאַך עגמת נפש וואָס קומט אינאיינעם מיט'ן האַנדלען, אָבער דער בעל בטחון וועט נישט האָבן די אַלע עגמת נפש.

**וּמֵהֶם, מְעוּט צַעַר נַפְשׁוֹ בַּמִּסְחָר אִם יִתְעַכֵּב אֶצְלוֹ, אוֹ פְּרַקְמַטְיָה** - די סדר פון מסחר איז, אַז מ'קויפט אַסאַך סחורה, און דאַן פאַרקויפט מען דאָס, פאַר מער געלט. צומאָל קען זיך מאַכן אַז מ'האָט איינגעקויפט, אָבער די סחורה פאַרקויפט זיך נישט ווייטער, מ'בלייבט שטעקן דערמיט. דאָס איז אַ געוואַלדיגע שאָדן.

**אוֹ אִם לֹא יוּכַל לִגְבּוֹת חוֹבוֹ** - צומאָל האָט מען שוין יאָ פאַרקויפט די סחורה, אָבער יענער צאָלט נישט דאָס געלט. דער סוחר האַנדלט, ער קויפט און פאַרקויפט, אַלעס גוט און פיין, אָבער ווען ס'קומט צום עיקר, ווען מ'דאַרף באַקומען דאָס געלט, דאָרט טרעפט ער זיך מיט עגמת נפש. ער איז נישט מצליח צו איינקאַסירן זיין געלט.

**אוֹ אִם יִפְגָּעֵהוּ חֳלִי בְּגוּפוֹ** - לכאורה רעדט דאָ דער חובת הלבבות אויך לגבי ענינים פון מסחר. אַ מענטש האַלט אינמיטן האַנדלען, ער האָט אַלע סאָרט געדאַנקען וויאַזוי צו פאַרדינען געלט, אָבער ער ליגט אין בעט און ער קען נישט אַרויסברענגען זיינע פּרנסה פּלענער אויף למעשה.

### השי"ת שטעלט אויס מיין לעבן בעסער ווי איך אַליין

בדרך כלל, אויב ס'פּאַסירט פאַר'ן מענטש איינס פון די זאַכן, האָט ער אַ געוואַלדיגע עגמת נפש, ווייל ער האָט אַזוי שטאַרק פּרובירט און זיין מסחר איז נישט מצליח. זאָגט דער חובת הלבבות אַז **אויב איז דער מענטש אַ בעל אמונה ובטחון, וועט ער נישט האָבן קיין שום צער** ווען די זאַכן וועלן פּאַסירן.

ס'קען טאַקע זיין אַז די סחורה וועט אים בלייבן שטעקן און ער וועט נישט מצליח זיין דאָס צו פאַרקויפן. ס'קען טאַקע זיין אַז מ'גייט אים אַרומשלעפּן און נישט באַצאָלן פאר זיין סחורה. ס'קען זיין אַז ער וועט ליגן אין בעט און נישט קענען ברענגען פּרנסה. אָבער ער וועט נישט האָבן קיין עגמת נפש ווען די אַלע זאַכן שפּילן זיך אָפּ!

**מִפְּנֵי שֶׁהוּא יוֹדֵעַ כִּי הַבּוֹרֵא יִתְבָּרֵךְ מְתַקֵּן עִנְיָנוֹ יוֹתֵר מִמֶּנּוּ** - ער ווייסט אַז דער רבוש"ע פאַררעכט אַלעס וואָס איך דאַרף האָבן. דער רבוש"ע שטעלט אויס מיין לעבן אַסאַך בעסער ווי איך אַליין וואָלט עס געקענט טון. ווען איך וואָלט געאַרבעט מיט מיין שכל, וואָלט איך אודאי פּרובירט אַז די סחורה זאָל נישט בלייבן ביי מיר, און אַז כ'זאָל צוריקבאַקומען דאָס געלט דערפון, אָבער **דער רבוש"ע ווייסט אַז ס'איז בעסער פאר מיין טובה, אַז יעצט זאָל איך נישט קענען פאַרקויפן די סחורה.** השי"ת ווייסט אַז ס'איז בעסער פאר מיר אַז יענער זאָל מיר דערווייל נישט באַצאָלן! פאַרוואָס ס'איז בעסער?! איך פאַרשטיי טאַקע נישט, אָבער השי"ת פאַרשטייט אַסאַך בעסער און ער זוכט נאר מיין טובה.

**וּבוֹחֵר לוֹ טוֹב יוֹתֵר מִמַּה שֶּׁהוּא בּוֹחֵר לְעַצְמוֹ.** - דער מענטש איז רואיג און מלא שמחה, טראָצדעם וואָס ער גייט אַריבער די שוועריגקייט, ווייל ער ווייסט אז דער רבוש"ע קלויבט אויס וואָס איז גוט פאר מיר, אַסאַך בעסער ווי איך וואָלט זיך אַליין געקענט אויסקלייבן.

**כְּמוֹ שֶׁאָמַר** (תהלים סב) **אַךְ לֵאלֹקִים דּוֹמִי נַפְשִׁי כִּי מִמֶּנּוּ תִּקְוָתִי** - דאָס וואָרט 'דומי' איז אַ לשון פון שתיקה - שטילקייט. דער מענטש האָפּט אַרויס צום אויבערשטן מיט אַ שטילקייט. ווייל **'ממנו תקותי'** - איך פאַרשטיי גאָרנישט, בלויז צוויי זאַכן. (א) דער

פטרון סדר ויקרא

נתנדב ע"י הרוצה בעילום שם
לעילוי נשמת הרה"ק ר' **ישעי'** בן הרה"ק ר' **משה** זי"ע

רבוש"ע האָט געמאַכט אַז מיין מצב זאָל זיין אַזוויוי ס'איז יעצט. (ב) דער אויבערשטער וויל מיין טובה בעסער ווי איך אַליין, און ער קען מאַכן אַלעס אויף דער וועלט. אויב אַזוי, איז ביי מיר זייער קלאָר אַז **מיין סחורה איז נישט געבליבן שטעקן סתם אַזוי.** כ'דאַרף נישט האָבן קיין צער פון דעם מצב, ווייל ס'האָט אַ סיבה פאַרוואָס השי"ת האָט אַזוי געמאַכט. **איך קען בלייבן רואיג און האָבן אַ געשמאַקע לעבן,** טראָצדעם וואָס איך גיי יעצט אַריבער די סאָרט שוועריגקייט.

## ביים האַנדלען קומט אונטער אַסאַך עגמת נפש

די אויבנדערמאַנטע דוגמאות וואָס דער חובת הלבבות גיט דאָ, זענען ווי פאַרשטענדליך **בלויז עטליכע ביישפילן**, און ס'איז לאו דוקא נאר די דוגמאות. די כוונה איז בכלליות, אַז ווען אַ מענטש האַנדלט פאר פרנסה, איז דער שטייגער אַז ער איז אַרומגענומען מיט זאַכן וואָס קענען ברענגען עגמת נפש.

דאָס איז גראַדע אויך אַקטועל ביי מענטשן וואָס אַרבעטן פאר יענעם אַלס איינגעשטעלטע אַרבעטער. זיי דאַרפן אויך האָבן גאָר אַסאַך בטחון כדי נישט צו האָבן קיין עגמת נפש. אָבער **ספּעציעל איז דאָס נוגע פאר איינעם וואָס האַנדלט מיט סחורה.** עס קען דאָך פאַסירן אַזויפיל שוועריגקייטן און פּראָבלעמען ביים טון ביזנעס; אַמאָל דאַרף מען איינקויפן גאָר אַסאַך, אָבער צוליב דעם וואָס מ'האָט נישט דאָס געלט, דאַרף מען נעמען **די ריזיקע זיך אָנצובאָרגן אַסאַך געלט**, מיט דער האָפענונג אַז מ'וועט עס טאַקע קענען פאַרקויפן; אַמאָל האָט מען שוין אינוועסטירט אַסאַך געלט אין אַ געוויסע פּראָדוקט, אָבער **דערווייל האָבן אַנדערע מענטשן אויך אינוועסטירט אין דער זעלבער זאַך,** וואָס צווינגט אַז מ'זאָל עס מוזן פאַרקויפן פאר אַסאַך אַ נידריגערע פּרייז. און אַזוי קומט אונטער אַלע ערליי זאַכן וואו מ'גייט אַריבער מצבים פון עגמת נפש.

## דער בעל בטחון איז קיינמאָל נישט קיין שלימזל

זאָגט דער חובת הלבבות, אַז **אַ מענטש וואָס האָט בטחון אין השי"ת, וועט נישט ליידן פון די עגמת נפש,** ווייל ער וועט אַלעמאָל געדענקן די יסודות האמונה אַז דער רבוש"ע פירט מיך אויף טריט און שריט, ער איז מתקן מיין סיטואַציע **אַסאַך בעסער ווי איך וואָלט עס געטון.** ער איז בוחר פאר מיר אַסאַך בעסער ווי ס'קען מיך אַליין איינפאַלן.

איי, יענער איז יאָ מצליח און איך בין סתם אַ שלימזל?! ניין. דו ביסט גאָרנישט קיין שלימזל! דער רבוש"ע מאַכט פאר דיר דאָס בעסטע וואָס ס'קען דיר זיין, טראָצדעם וואָס אַ צווייטער וועלכער האַנדלט אין דער זעלבער אינדוסטריע האָט יאָ שטאַרק מצליח געווען. קען דען זיין אַז בלויז יענער איז אַ בן יחיד פאַר'ן אויבערשטן, און דו ביסט נישט?! **דו ביסט פּונקט אַזוי אַ בן יחיד פאַר'ן רבוש"ע**, נאר דער אויבערשטער ווייסט אַז פאַר דיר איז דאָס די בעסטע אויפ'ן יעצטיגן מאָמענט.

## די עקאָנאָמיע איז שוואַך? ס'איז דאָס בעסטע זאַך פאר מיר!

דער כלל איז פּונקט אַזוי אמת און ריכטיג ווען **די עקענאָמיע וואַקלט זיך און די ביזנעס וועלט גייט דורך שווערע צייטן.** דער בעל בטחון איז זייער רואיג, ווייל ס'איז ביי אים קלאָר אַז אַלעס ווערט געפירט מיט אַ השגחה פּרטית מדוקדקת, און **דאָס איז יעצט דאָס בעסטע זאַך פאר מיר**, אַז יעצט זאָל מען זיך מוטשן מיט פּרנסה.

אָט דער יסוד פון דעם חובת הלבבות איז אַקטועל ביי אַלע הונדערטער סאָרט מצבים וואָס קומען אונטער אין דער ביזנעס וועלט. דער בעל בטחון וועט זיך איינשפּאַרן אַלע עגמת נפש, אַדאַנק זיין אמונה אַז דער רבוש"ע פירט אים מיט די גרעסטע חסד ורחמים.

ב

# אין חכמה נגד ה'; זיך נישט באַשולדיגן צוליב אַן אינוועסטמענט וואָס איז דורכגעפאַלן

## אַ נאַרישע און לייכטזיניגע ביזנעס באַשלוס

דער חובת הלבבות הייבט אָן מיט אַ ביישפּיל פון איינער וואָס האָט געקויפט סחורה און ער קען דאָס נישט ווייטער פאַרקויפן. אָבער ער בלייבט רואיג און צופרידן, וואוסנדיג אַז השי"ת האָט דאָס אויסגעשטעלט פאר זיין טובה.

לכאורה קען מען פרעגן דערויף אַ שאלה: **פאַרוואָס קען נישט זיין, אַז דער מענטש האָט פּשוט געטון אַ נאַרישקייט ווען ער האָט איינגעקויפט צופיל סחורה?!** מעגליך איז ער געלאָפן צו שנעל ווייל ער האָט געהאַט קאָכעדיגע בלוט אָן קיין ישוב הדעת. ער האָט געמיינט: "איך גיי ווערן אַן עושר... איך גיי משקיע זיין צו קויפן אַסאַך סחורה, און דערנאָך גיי איך עס פאַרקויפן פאר פיל טייערער"...

אַסאַך מאָל האָט אים איינער אפילו געוואָרנט בעפאָר: "טו דאָס נישט, מ'דאַרף אַכטונג געבן פון אַזאַ אינוועסטמענט, ווייל מ'קען אַריינפאַלן דערמיט". **ער איז אָבער געווען קלוגער, ער האָט נישט געפאָלגט**, און יעצט איז ער געבליבן שטעקן מיט די גאַנצע סחורה. וויאַזוי קען ער יעצט האָבן בטחון און טראַכטן אַז ס'איז געווען באַשערט פון הימל?! **ער האָט דאָך אַליין געטון די נאַרישקייט?!** ער עסט יעצט זיינע אייגענע פּירות! אין אַזאַ פאַל איז זייער שווער צו בלייבן רואיג מיט בטחון, ווייל דער מענטש טראַכט: **פאַרוואָס האָב איך זיך באַנאַרישט?!**

## וואָס טוט מען, ווען מ'איז אַליין שולדיג

די שאלה באַדערט אַסאַך פאַר מענטשן וואָס האָבן אינוועסטירט זייער געלט אין אַ געוויסע פּראָיעקט אָדער פּראָדוקט, און שפּעטער באַשולדיגן זיי זיך אַליין: **וואו איז געווען מיין שכל?!** פאַרוואָס האָב איך זיך נישט צוגעהערט צו קלוגערע און עלטערע וואָס האָבן מיר געוואָרנט נישט צו משקיע זיין דאָרט?! איך האָב מיט מיינע צוויי הענט געטון אַזאַ גרויסע שטות!

ווען מ'רעדט פון פאַסירונגען וועלכע זענען נישט בידי אדם, קען דער מענטש גרינגער האָבן בטחון, אַז דער רבוש"ע האָט אַזוי געפירט. ס'איז נישט אַלעמאָל אַזוי לייכט, און מ'דאַרף שטענדיג אַרבעטן דערויף, **אָבער ס'איז אַסאַך שווערער ווען דער מענטש ווייסט דעם אמת אַז "איך בין שולדיג דערויף"**. וויאַזוי קען מען ריכטיג האָבן בטחון אין אַזאַ פאַל?!

## דיינע שריט האָבן קיין שייכות מיט די ענד-רעזולטאַטן

צום אַלעם ערשטן דאַרף מען געדענקן, אַז אָט די טענה וואָלט געווען אַקטועל אויב די תוצאה וואָס פאַסירט צום מענטש, וואָלט געווען אַ רעזולטאַט פון דער פּעולה וואָס ער האָט געטון.

דאָס הייסט: אויב דער מענטש וואָלט מצליח געווען **צוליב דעם וואָס ער האָט 'יאָ' געטון די ריכטיגע ביזנעס שריט**, און ער וואָלט נישט מצליח געווען **צוליב דעם וואָס ער האָט געטון אַן 'אומריכטיגע' שריט**, דעמאָלט וואָלט געווען אַ מקום זיך צו באַשולדיגן אַז "איך האָב נישט געמאַכט אַ גוטע החלטה. איך האָב זיך באַנאַרישט"א.

אָבער ווען ס'קומט צו ביזנעס און פּרנסה, איז **קיינמאָל נישט דאָ אַזאַ מושג אַז אַ געוויסע פּעולה האָט געברענגט געוויסע תוצאות.** ס'איז נישטאָ

א. צומאָל איז עס טאַקע וויכטיג צו מאַכן אַזאַ מסקנא ווען מ'שטייט לאחר המעשה. למשל ווען אַ טאַטע ווייסט אַז ס'איז נישט די ריכטיגע זאַך יעצט אָנצושרייען זיין קינד פאַר אַן עולה, ווייל דאָס קינד איז נישט יעצט אין אַ מצב וואָס ער קען מקבל זיין די תוכחה. למעשה איז דער טאַטע אויפגערעגט און ער איז מחליט יאָ אָנצושרייען דאָס קינד 'למען ישמעו ויראו'... שפּעטער אַנערקענט ער אָבער, אַז **ס'איז טאַקע נישט געווען ריכטיג דאָס צו טון.** ווייל פריער האָב איך פאַרלוירן דאָס קינד פאר איין שעה, יעצט האָב איך אים פאַרלוירן פאר דריי טעג, ער וויל נישט קוקן אויף מיר און כ'האָב פאַרלוירן דעם גאַנצן קשר מיט אים. דער טאַטע כאַפּט זיך אַז זיין 'פּעולה' איז געווען אַ גרויסער טעות און דאָס האָט פאַקטיש געברענגט אומגינסטיגע 'תוצאות'.

קיין שום פאַל ווען אַ מענטש קען זאָגן: ״טאָמער איך בין געבליבן שטעקן מיט די סחורה, איז דאָס אַ סימן אַז כ׳האָב געטון אַ נאַרישקייט ווען כ׳האָב עס איינגעקויפט״. דאָס איז קיינמאָל נישט קיין אמת׳ער כלל ביי געלט!

## צוויי מענטשן טוען די זעלבע פעולה – מיט אַנדערע תוצאות

ביי די אַלע ענינים פון פרנסה האָט ׳תוצאות׳ נישט קיין שום שייכות מיט מיין ׳פעולה׳! מ׳זעט דאָס באַשיינפערליך יעדן איינציגן טאָג, וויאַזוי צוויי מענטשן קענען טון די זעלבע פעולה; דער ערשטער האָט **שיין מצליח געווען** און איז געוואָרן אַ גביר אדיר, בשעת דער צווייטער האָט **אָנגעזעצט דאָס גאַנצע געלט**. און מ׳קען נישט אָנווייזן מיט׳ן פינגער אויף קיין שום זאַך וואָס דער צווייטער האָט געטון אַנדערש פונעם ערשטן!

מיר ווייסן דאָס פון אונזער אמונה, אַז תוצאות זענען גאָרנישט פאַרבינדן מיט די פעולות, אָבער מ׳זעט אויך בחוש מיט די אויגן אַז **ס׳איז במציאות אַזוי.** וויפיל מאָל מאַכט אַ מענטש השתדלות פון איין ריכטונג, און די תוצאות קומט פון גאָר אַן אַנדערע ריכטונג. אַזוי האָט דער רבוש״ע אויסגעשטעלט די בריאה, אַז דער מענטש דאַרף טון דאָס זייניגע, און השי״ת שיקט אים שוין די תוצאות, אָן קיין שום שייכות מיט זיינע פעולות.

## דיין פעולה מיט די יעצטיגע מציאות זענען נישט פאַרבינדן

קומט אויס אַז מ׳קען קיינמאָל נישט מאַכן דעם חשבון: ״אויב כ׳בין געבליבן שטעקן מיט די סחורה איז דאָס אַ סימן אַז כ׳האָב פריער געטון אַ נאַרישקייט״. **דאָס איז נישט ריכטיג!** ווייל ס׳קען זייער מעגליך זיין, אַז דו האסט נישט געמאַכט קיין טעות, און דו ביסט פאָרט געבליבן שטעקן מיט די סחורה, ווייל **אַזוי האָט דער רבוש״ע געוואָלט** און ס׳איז די בעסטע זאַך פאַר דיר.

צומאָל קען טאַקע זיין אַז מ׳האָט אייגנטליך געמאַכט אַ טעות, מ׳וואָלט זיך געדאַרפט צוהערן צו עלטערע און ערפאַרענע מענטשן, מ׳וואָלט זיך געדאַרפט מער נאָכפרעגן, מ׳וואָלט געדאַרפט מער מתפלל זיין. אָבער זיי נישט מחליט אַז ׳ווייל׳ די תוצאות זענען נישט געלונגען, ׳דערפאַר׳ איז דאָס אַ ראַי׳ אַז דו האסט זיך באַנאַרישט. **זיי נישט מקשר די צוויי זאַכן!**

צום אַלעם ערשטן דאַרף אַ מענטש זיך באַרואיגן: איך האָב געמאַכט די החלטה לויט די אינפאָרמאַציע וואָס כ׳האָב געהאַט דעמאָלט. און אויב בשעת מעשה איז עס נישט געווען קיין ווילדע איבערגעטריבענע זאַך, איז דער פאַקט אַז כ׳בין געבליבן מיט די סחורה אַ סימן אַז דאָס איז יעצט דער רצון ה׳ פאַר מיין טובה.

## אַ נאָרמאַלע ריזיקע איז נישט קיין פּראָבלעם

מ׳קען דאָס זען ביי אַזויפיל סאָרט סיטואַציעס. ווען מענטשן אינוועסטירן געלט אויף פאַרזיכערטע פּלעצער מיט אַ קלאָרן פאַרשטענדליכן חשבון, און **טראָצדעם ענדיגט זיך עס מיט אַ דורכפאַל** - נישט צוליב זיין פעולה, נאר ווייל אַזוי האָט דער רבוש״ע געוואָלט.

אַ איד האָט אַראָפּגעלייגט עטליכע מיליאָן דאָלער צו קויפן אַ שטח וואו מ׳קען בויען אַסאַך הייזער. ס׳איז דאָ דערביי אַ ריזיקע, אָבער ער פאַראינטערעסירט זיך בעפאָר וואָס זענען די פּרייזן פון הייזער; וואָס איז די פאַרלאַנג פון מענטשן וואָס ווילן דאָ קומען וואוינען, און די מומחים זאָגן אים אַז ס׳איז אַ שכל׳דיגע אינוועסטמענט.

למעשה, נאָכ׳ן אַריינלייגן זיין געלט דאָרט, האָט זיך געטוישט איין קליינע חלק פונעם געזעץ, וואָס דאָס מאַכט אַז ער קען שוין נישט פאַרקויפן קיין הייזער דאָרט. דאָס זענען מעשים בכל יום! **קען מען דען האָבן טענות אַז ער האָט געטון אַן אומריכטיגע שריט?!** ער האָט ענדערש געדאַרפט ליגן אין בעט און גאָרנישט טון?! **אודאי נישט**. ער האָט געמאַכט אַ ריכטיגע החלטה! הגם ער האָט גענומען אַ ריזיקע, אָבער יעדע אינוועסטמענט אַנטהאַלט אין זיך אַ געוויסע ריזיקע. ווילאַנג ס׳איז נאָרמאַל און מענטשן טוען דאָס, האָט ער געטון אַ ריכטיגע שריט, און די תוצאות האָט נישט מיט אים.

## נעם זיך נישט צום האַרצן פון אַ דורכגעפאַלענע השקעה

דאָס זעלבע קען פּאַסירן ווען אַ מענטש האָט געקויפט אַ געוויסע פּראָדוקט מיט׳ן חשבון דאָס צו קענען פאַרקויפן ווייטער פאַר אַסאַך מער געלט. אָבער **שפּעטער איז געוואָרן אַ טויש**. מ׳קען עס נישט פאַרקויפן, אָדער ס׳קען נישט אָנקומען צוליב רעגירונג ביוראקראַטיע. דער מענטש האָט גענומען אַ פאַרשטענדליכע ריזיקע, לויט די אינפאָרמאַציע וואָס ער האָט געוואוסט בשעת מעשה, און ס׳איז געווען באַשערט פון הימל אַז די תוצאות זאָל זיין אַנדערש.

דאָס איז אַלזאָ די ערשטע כלל וואָס מ׳דאַרף האַלטן פאַר די אויגן: אין געוועונליכע פעלער, ווען אַ מענטש בלייבט שטעקן מיט סחורה וואָס ער קען נישט פאַרקויפן, **זאָל ער נישט האָבן דערפון קיין עגמת נפש** און ער זאל זיך נישט ערגערן אַז ער האָט נישט געטון ריכטיג. ווייל בשעת מעשה האָסטו געמאַכט אַ פאַרשטענדליכע החלטה, טראָצדעם וואָס אַנדערע וואָלטן אפשר נישט אונטערגענומען אַזאַ ריזיקע, אָבער **ווילאַנג ס׳איז געווען אַ נאָרמאַלע אינוועסטמענט האָסטו דעמאָלט מקיים געווען דיין תפקיד פון ׳לעבדה ולשמרה׳**. דו האסט געטון דיין השתדלות צו עוסק זיין בפּרנסה לויט דעם דרך העולם. זעהסט דאך אַז אַ צווייטער האט געמאַכט די זעלבע אינוועסטמענט און ער האָט שיין פאַרדינט. דו האסט אַלעס פאַרלוירן, **ווייל דאָס איז געווען דער רצון ה׳**. קענסט ווייטער האָבן די פילע בטחון אַז דער רבוש״ע מאַכט דערמיט די בעסטע זאַך פאַר דיין טובה.

## ווען פון הימל נעמט מען אַוועק דעם שכל

צומאָל איז יאָ דאָ אַ מציאות ווען דער מענטש ווייסט ביי זיך דעם אמת, אַז ער האָט זיך שטאַרק באַנאַרישט. ער האָט אינוועסטירט אָן קיין געהעריגן חשבון און ער האָט זיך נישט גענוג נאָכגעפרעגט. זיין באַזעסענער חבר וואָס האָט נישט געהאַט קיין נגיעה אין דעם ביזנעס, זאָגט אים אצינד: ״כ׳האָב דיר געזאָגט דעמאָלט אַז ס׳גייט נישט אַזוי אַרבעטן. דו ביסט נאָך יונג, ווילסט מאַכן שנעל געלט, אָבער כ׳האָב דיך געוואָרנט אַז מ׳דאַרף שטיין ווייט פון אַזעלכע סאָרט זאַכן״.

אָבער אפילו אין אַזאַ פאַל **איז זייער מעגליך אַז דער מענטש האָט בכלל נישט געהאַט קיין בחירה.** פון הימל האָט מען אים צוגענומען זיין שכל אויף צוויי מינוט, **ווייל ס׳איז אים געווען באַשערט די עגמת נפש**, אַז ער זאָל יאָ טון דעם שריט און דורכדעם פאַרלירן זיין געלט.

וויפיל מאָל קען מען זען עלטערע און דורכגעטראַכטע מענטשן, וואָס טוען שוין אין ביזנעס דרייסיג יאָר מיט אַ ישוב הדעת, און זיי רייסן זיך די האָר פון קאָפּ: ״וואו איז געווען מיין שכל? פּונקט ׳איך׳ האָב געמאַכט אַזאַ נאַרישע גרייז?! ס׳איז דאָך נישט מיין מהות בכלל. כ׳בין נישט דער סאָרט מענטש וואָס טוט אַזעלכע נישט דורכגעטראַכטע ביזנעס שריט?!״.

מ׳דאַרף דאָס נעמען אין חשבון, אַז **אַסאַך מאָל נעמט דער אויבערשטער ממש אַוועק דעם שכל פונעם מענטש** פאַר אַ קורצע צייט, ווייל דאָס דאַרף יעצט געשען, און דאָס איז די תכלית פאַר׳ן מענטש - **לטובתו.** דער בעל בטחון בלייבט אַלעמאָל רואיג, אפילו ווען ער ווייסט אַז האָט דאָ געטון אַ שטות, ווייל ער ווייסט אַז מען האָט אים אַזוי געפירט פון הימל.

ג

# הטוב ומטיב לרעים ולטובים; די ריכטיגע צוגאַנג ווען מ׳האָט יאָ געטון אַן איבערגעאײַלטע שריט

## יעדע פעולה איז אָדער אַ מצוה אָדער אַן עבירה

וואָס טוט זיך אָבער מיט אַזאַ איינער, וואָס קען נישט מאַכן די אַלע אויבנדערמאַנטע חשבונות. ער ווייסט קלאָר אַז ער האָט יאָ געהאַט אַ בחירה, מ׳האָט אים נישט צוגענומען דעם שכל, נאר **זיינע געפילן האָבן אים איבערגענומען**. ער האָט נישט געוואָלט זיך מתבונן זיין מיט לאָגיק, און ער האָט נישט געדאַוונט אַז דער רבוש״ע זאָל אים פירן

אויפ'ן ריכטיגן וועג. **ער האָט זיך פאַרמאַכט די אויגן און נישט געוואָלט זען די סימנים וואָס דער אויבערשטער האָט אים געוויזן**, און ער איז געווען אַן אויבער-חכם. ער האָט געטון די נאַרישקייט מיט'ן חשבון אַז: "איך גיי יאָ מצליח זיין... איך וועל זיך שוין אַן עצה געבן"...

אין אַזאַ פאַל, דאַרף מען געדענקן וואָס דער **חובת הלבבות** זאָגט אין **שער עבודת האלוקים** (פרק ד'), אַז יעדע זאַך וואָס אַ מענטש טוט אויף דער וועלט, איז אָדער אַ מצוה אָדער אַן עבירה. ביי יעדע פעולה וואָס אַ מענטש וויל טון, דאַרף ער טראַכטן: **איז דאָס דער רצון ה', אָדער ס'איז נישט דער רצון ה'?!** - ער דאַרף רעדן דערוועגן מיט'ן אויבערשטן און מתפלל זיין אַז דער רבוש"ע זאָל אים פירן אויפ'ן גלייכן וועג. ער דאַרף זיך מתבונן זיין אויב ער זעט אַז מ'שיקט אים סימנים אַז ער זאָל זיך צוריקהאַלטן, דעמאָלט זאָל ער דאָס נישט טון.

## אַן עבירה קלה איז אויך אַן עבירה

אַצינד, אויב דער מענטש ווייסט ביי זיך אַז ער וואָלט נישט געדאַרפט באָרגן אַזויפיל געלט, ער וואָלט געדאַרפט חושש זיין אַז ער גייט דאָס נישט קענען צוריקצאָלן און דעמאָלט וועט ער זיין אַ 'לוה רשע ולא ישלם'. ער האָט געבאָרגט געלט סתם אָן קיין חשבון ווייל ער האָט געוואָלט מאַכן גרינג געלט, אָן קיין תפלה, און אָן קיין התבוננות, בלויז ווייל ער האָט געגלייבט אין זיינע אייגענע כוחות. - אויב אַזוי, **איז די פעולה נישט געווען דער רצון ה'!**

דער מענטש קען זיך אַליין באַרעכענען דעם אמת: אויב כ'וואָלט יענעם טאָג געדאַוונט בעסער, אויב כ'וואָלט זיך ריכטיג מתבונן געווען אין בטחון, אויב כ'וואָלט געזאָגט פרשת המן און זיך פאַרלאָזט אויפ'ן אויבערשטן, **וואָלט איך דאָס מסתם נישט געטון**. קומט אויס אַז טאָמער כ'בין טאַקע געבליבן נאָכדעם שטעקן מיט די סחורה, צוליב אַזאַ סאָרט סיבה, האָב איך געטון אַ זאַך וואָס איז קעגן דעם רצון ה'.

דאַרף מען וויסן אַז ביי עבירות אַליין איז דאָ פאַרשידענע מדריגות. ס'איז דאָ האַרבערע עבירות פון איסורי כריתות ומיתות בית דין, און **ס'איז אויך דאָ 'עבירות קלות'** - ווען דער מענטש האָט געטון אַ שריט וואָס איז היפוך דעם רצון ה'. די פעולה פון לייכטזיניגע השתדלות איז אַלזאָ געווען אַ שטיקל עבירה קלה.

## דער חטא קומט צוליב אַ מאַנגל אין בטחון

און ווען דער מענטש דערהערט אַז ער האָט דאָ געטון אַ מעשה קעגן דעם רצון ה', זאָל ער פאַרשטיין אַז **דאָס איז געשען צוליב אַ חסרון אין בטחון.**

# השי"ת איז 'טוב ומטיב לרעים ולטובים'. און 'טוב ה' לכל' מיינט אויך דיר

אַזוי שטייט אין ספה"ק **עמוד העבודה**[ב] (דרוש הבטחון אות כד) אַז **דער קיום פון אַלע מצוות איז תלוי לויט וויפיל אמונה דער מענטש פאַרמאַגט**. איינער וואָס האָט בטחון וועט דאָס אים צוברענגען צו קענען מקיים זיין אַלעמאָל דעם רצון ה'. ווייל ער וועט קיינמאָל נישט טראַכטן אַז ער האָט נישט קיין געלט פאַר דער מצוה, אָדער אַז די מצוה קען אים ברענגען פּראָבלעמען.

מיט דעם יסוד איז דער עמוד העבודה מסביר דעם מאמר **חז"ל** (מכות כד, א) 'בא חבקוק והעמידן על אחת, שנאמר: וצדיק באמונתו יחיה' - דער בעל בטחון האָט קיינמאָל נישט קיין שום מניעה צו טון דעם רצון ה', ווייל ער האָט אַ קלאָרע אמונה ובטחון און גאָרנישט קען אים נישט צוריקהאַלטן.

ווען אַ מענטש טרעפט זיך אין אַזאַ סיטואַציע, אַז ער האָט זיך באַנאַרישט און אינוועסטירט זיין געלט אויף אַן אופן וואָס ס'איז נישט געווען דער רצון ה', זאָל ער באַמערקן אַז די שטות וואָס ער האָט געטון, טראָצדעם וואָס מ'האָט אים געוואָרנט אַז ס'איז אַ לייכטזיניגע שריט, **איז בעצם געווען אַ שטיקל עבירה**, **ווייל ער האָט נישט געהאַט קיין ריכטיגע אמונה ובטחון**, ער האָט נישט גענוג מתפלל געווען צו השי"ת.

## השי"ת איז טוב ומטיב אָן קיין יוצא מן הכלל

דער מענטש זאָל עס נישט אָנקוקן ווי סתם אַ טפשות "ווייל איך בין אַ שלימזל", נאָר ס'איז אַסאַך בעסער און לייכטער אַז ער זאָל עס באַטראַכטן ווי אַן עבירה, **ווייל דעמאָלט קען ער זייער גרינג טרעפן אַ וועג אַרויס דערפון**. ער דאַרף זיך בלויז דערמאַנען וואָס אַלע אידן אין בית המדרש זאָגן אין די ימים נוראים מיט אַזאַ התעוררות: 'הטוב ומטיב לרעים לטובים' - און **דו ביסט אויך אין דער קאַטעגאָריע!** דו ביסט טאַקע באַגאַנגען אַ שטיקל עבירה, אָבער **דו ביסט נישט אַרויסגעפאַלן פון דעם כלל אַז השי"ת איז מטיב לרעים ולטובים**. דער רבוש"ע גרייט ווייטער אָן פאַר דיר דאָס בעסטע, מער ווי דו אַליין קענסט נאָר טראַכטן. **אפילו נאָכדעם וואָס דו האָסט זיך באַנאַרישט** און אפילו נאָכדעם וואָס דו האָסט נישט געהאַט גענוג אמונה.

הגע בעצמך! מאַך זיך דעם פשוט'ן חשבון: **דער רבוש"ע דרייט דאָך איבער אַ וועלט אַז ס'זאָל זיין 'לא ידח ממנו נדח'**; אַז נשמות ישראל וואָס האָבן שוין עובר געווען אויף געפערליכע איסורי כריתות זאָל צוריקקומען צו אים. ס'איז פאַרהאַן טויזנטער אַזעלכע מעשיות וויאַזוי מענטשן האָבן געטראָפן זייער וועג צוריק צו אידישקייט, ווייל דער רבוש"ע האָט אַזויפיל געדרייט ביז יענער האָט תשובה געטון. **קען מען אפילו טראַכטן, אַז דער רבוש"ע וועט זיך נישט אומקוקן אויף דיר?!** ער וועט דיך נישט מטיב זיין און דיך נישט צוריקברענגען צו אים, ווייל דו האָסט געטון אַ נאַרישקייט?! **דער רבוש"ע גייט דיך נישט אָפּלאָזן אפילו אויב דו ביסט באַגאַנגען אַ טפשות!** השי"ת איז אַ 'טוב ומטיב לרעים ולטובים', און בפרט ווען דו געפינסט זיך יעצט אין אַן ענגשאַפט, דו ביסט אויף צרות מיט ענינים פון געלט. און ווען אַ מענטש איז נכנע און ער וויל צוריקקומען, וועט אים דער רבוש"ע זיכער נעמען מיט ביידע הענט!

## בטחון אפילו ווען ס'קומט זיך מיר נישט

דער הייליגער **ראָפּשיצער רב** זי"ע זאָגט אין ספה"ק **זרע קודש** (ליל ה' דחנוכה): אַז אַ מענטש זאָל קיינמאָל נישט טראַכטן: מילא ווען כ'וואָלט געווען אַ צדיק, וואָלט איך געקענט זיך בוטח זיין אַז השי"ת וועט מיר נישט אָפּלאָזן, ווייל ער גייט מיר באַצאָלן פאַר מיינע גוטע מעשים. אָבער **איך ווייס דאָך ביי מיר, אַז כ'האָב נישט יוצא געווען ידי חובתי**, וויאַזוי קען איך זיך בוטח זיין אַז השי"ת וועט מיר גומל זיין טובות, וואָס איז נישט לויט מיינע מעשים?!

זאָגט אָבער דער זרע קודש: **דאָס איז אַן עצת היצר הרע!** ס'איז נישט אמת, ווייל השי"ת איז 'טוב ומטיב לרעים ולטובים'. און 'טוב ה' לכל' מיינט אויך דיר. דערפאַר איז 'בטחון' אַ לשון פון 'טיחה ודיבוק' - אַ לשון פון צוגעקלעבט, ווייל אַ מענטש דאַרף זיך צוקלעבן צו בטחון, זיך צו פאַרלאָזן אַז הקב"ה גייט אים מטיב זיין בחנם, נישט לויט זיינע מעשים.

אַ איד דאַרף גלייבן אַז "דער רבוש"ע טוט אַלעמאָל דאָס בעסטע זאַך פאַר מיר". הייבט נישט אָן מאַכן חשבונות: "איך בין אַליין שולדיג. יעצט עס איך אַליין אויף וואָס כ'האָב געטון מיט מיינע צען פינגער". ניין! איך האָב טאַקע געטון אַן עבירה, אָבער יעצט וויל איך זיך צוריקקערן צום אויבערשטן, **און השי"ת גייט מיך העלפן**, אפילו איך האָב געטון אַן עולה!

דער ראָפּשיצער רב זאָגט דאָרט אַז דאָס שטייט ביי אברהם אבינו 'והאמין בה' ויחשבה לו לצדקה' - ווען דער אויבערשטער האָט אים מבטיח געווען

ב. דער ספר **עמוד העבודה** האָט מחבר געווען הרה"ק רבי **ברוך'ל קאָסובער** זי"ע, וואָס מ'האָט אויך גערופן רבי ברוך מוכיח. ער האָט געלעבט אין די צייטן פון דעם בעש"ט הק', און דער הייליגער **תולדות יעקב יוסף** זי"ע ברענגט אים אַראָפּ עטליכע מאָל אין זיינע ספרים (תולדות יעקב יוסף פרשת צו, כתונת פסים פרשת ויקרא ושא"מ). צדיקים האָבן זייער מפליא געווען זיינע ספרים 'יסוד האמונהה' און 'עמוד העבודה', ווייל אַנדערש ווי רוב חסידי'שע ספרים וואָס זענען געשריבן געוואָרן אויף די פרשיות און די ענינים זענען בבחינת 'דברי תורה עניים במקום אחד ועשירים במקום אחר'. זענען זיינע ספרים לכתחלה אויסגעשטעלט לויט דרושים אויף ענינים פון עבודת ה', אמונה ובטחון, ענווה, אמת, תשובה, און ס'איז דאָרט אויסגעשמועסט גאָר אַסאַך יסודות נפלאים בתורת החסידות אויף אַ קלאָרן אופן. ס'איז אַ ספר וואָס אויב מ'קאָכט זיך דערינען קען עס זייער שטאַרק העלפן דעם מענטש נתקרב ווערן צו השי"ת. (אין די הקדמה פון די מו"ל פון די לעצטיגע מהדורה ברענגען די מו"ל אַז הרה"ק רבי **שלמה מבאָבוב** זי"ע האָט אין די תקופה נאָך דער מלחמה אייביג געהאַט אויפ'ן טיש די ספרים, ער האָט אַסאַך געהאָרעוועט אין דעם און אַסאַך נאָכגעזאָגט דערפון בתוך דברי תורתו).

קינדער מיט ארץ ישראל, האָט ער געטראַכט אַז דער רבוש״ע גייט מיט אים טון צדקה, **טראָצדעם וואָס ער איז נישט ווערד אַז מ׳זאָל אים מטיב זיין.** ער האָט זיך געהאַלטן פאר גאָרנישט ׳ואנכי עפר ואפר׳, אָבער פונדעסטוועגן האָט ער זיך פאַרלאָזט אַז השי״ת גייט אים געבן צדקה, כאָטש וואָס ס׳קומט אים נישט.

### כ׳בין טאַקע באַגאַנגען אַ נאַרישקייט אָבער אַלעס איז לטובתי

קומט אויס אַז ווען אַ מענטש טרעפט זיך נאָכדעם וואָס ער האָט פאַרלוירן געלט אין אַ געשעפט, זאָל ער זיך חזר׳ן אַז דאָ האָט פּאַסירט איינס פון די פאָלגענדע צוויי זאַכן: אָדער האָב איך טאַקע יאָ געמאַכט די ריכטיגע אינוועסטמענט, ס׳איז געווען אויסגעהאַלטן מיט די ריכטיגע גדרי השתדלות ובטחון, און איך האָב אַ זיכערע בטחון אַז **דער אויבערשטער טוט יעצט דאָס בעסטע זאַך פאר מיר.** איך דאַנק און איך לויב, און איך בין מתפלל אויף ווייטער.

אָדער קען טאַקע זיין, אַז כ׳האָב יאָ געמאַכט אַ נאַרישקייט. **אָבער איך בלייב ווייטער מיט מיין בטחון!** איך בין מודה אין מיין טעות, אָבער **דאָס איז זיכער נישט קיין סיבה אַז צוליב דעם זאָל מיר השי״ת פאַרלאָזן.** דער רבוש״ע זוכט ווייטער מיין טובה אפילו אויב כ׳האָב געטון אַ טעות!

### ◂ אותיות מחכימות ◂

זרע קודש ליל ה׳ דחנוכה ד״ה מאי חנוכה

וְאַף אִם יֹאמַר הָאָדָם זֶהוּ יִהְיֶה אִם הָיִיתִי צַדִּיק, הָיִיתִי יָכוֹל לִבְטֹחַ בַּה׳ שֶׁלֹּא יְקַפַּח שְׂכָרִי וְיַאֲכִילֵנִי פְּרִי מַעֲשַׂי, אֲבָל אֲנִי יוֹדֵעַ בְּעַצְמִי מַעֲשַׂי, שֶׁלֹּא יָצָאתִי יְדֵי חוֹבָתִי נֶגְדּוֹ ית״ש. וְאִם כֵּן, אֵיךְ אוּכַל לִבְטֹחַ בַּה׳ שֶׁיִּגְמֹל לִי טוֹבוֹת מַה שֶּׁאֵינָם לְפִי תַּגְמוּל מַעֲשַׂי.

זֶה עֲצַת הַיֵּצֶר הָרַע, אֲבָל בֶּאֱמֶת לֹא כֵן הַדָּבָר, כִּי יִתְבָּרֵךְ שְׁמוֹ הַטּוֹב וּמֵיטִיב לָרָעִים וְלַטּוֹבִים, וְטוֹב ה׳ לַכֹּל, וְלָכֵן ׳בִּטָּחוֹן׳ לְשׁוֹן ׳טִיחָה׳ וְ׳דִבּוּק׳, שֶׁיִּדְבַּק הָאָדָם בְּבִטְחוֹנוֹ וְלֹא יָסוּר מִמֶּנּוּ בְּשׁוּם סִבָּה וְאֹפֶן. וּכְמוֹ שֶׁנֶּאֱמַר לְאַבְרָהָם אָבִינוּ בִּבְשׂוֹרַת הַזֶּרַע וְהָאָרֶץ כְּתִיב ׳וְהֶאֱמִן בַּה׳ וַיַּחְשְׁבֶהָ לוֹ צְדָקָה׳, שֶׁאַבְרָהָם חָשַׁב בְּעַצְמוֹ שֶׁיַּעֲשֶׂה יִתְבָּרֵךְ שְׁמוֹ צְדָקָה עִמּוֹ, הֲגַם שֶׁאֵינוֹ לְפִי מַעֲשָׂיו, כמ״ש ׳וְאָנֹכִי עָפָר וָאֵפֶר׳, וְחָשַׁב בְּעַצְמוֹ שֶׁאֵינוֹ כְּדַאי שֶׁיֵּטִיב לוֹ יִתְבָּרֵךְ, עִם כָּל זֶה בָּטַח בַּה׳ שֶׁיַּעֲשֶׂה לוֹ צְדָקָה.

### ווילאַנג מ׳בלייבט נאָנט מיט השי״ת קען מען נישט שאָדן האָבן

ס׳איז דאָ אַמאָל אַ באַזונדערע סוגיא, פון אַ מענטש וואָס איז עומד ברשעו, ער בלייבט דערווייטערט פון השי״ת, וואָס דער חובת הלבבות דערמאַנט שפּעטער (שער הבטחון פ״ד) אַז אַזאַ סאָרט מענטש קען נישט האָבן קיין בטחון, ווייל ער לאָזט זיך נישט נאָנט ווערן צום אויבערשטן. אָבער דאָ רעדט מען דאָך פון אַ געווענליכע פאַל, ווען אַ איד כאַפּט זיך אַז **דער טעות וואָס ער רופט אָן ׳אַ טעות אין מסחר׳, איז בעצם געווען ׳אַ טעות אין אמונה ובטחון׳,** און ער וויל דאָס פאַררעכטן מיט אַן הכנעה צום אויבערשטן, איז דאך זיכער אַז **השי״ת וועט אָננעמען זיין הכנעה און ער וועט אים ווייטער העלפן מיט׳ן גרעסטן גוטס**, מער ווי דער מענטש אַליין פאַרשטייט.

אַלענפאַלס, קומען מיר אַלעמאָל צוריק צום יסוד פון דעם חובת הלבבות, אַז ווען אַ מענטש איז געבליבן שטעקן מיט סחורה, אָדער זיין פּרנסה קלאַפּט נישט, **זאָל ער בלייבן מיט אַ מורא׳דיגע רואיגקייט**, וואוסנדיג אַז ׳אך לאלקים דומי נפשי כי ממנו תקותי׳. **אפילו איך בין אַליין שולדיג**, ווייל כ׳האָב אַליין אָנגעמאַכט דעם שאָדן מיט אן איבערגעאיילטע שריט, כ׳האָב בוחר געווען ברע, אָבער **איך קען ווייטער האָבן בטחון**, ווייל השי״ת פאַרלאָזט מיך קיינמאָל נישט!

# ספירת העומר

## וספרתם לכם;

די תשוקה פון ספירת העומר איז מזכך אונזער נשמה

יום חמישי פרשת אחרי כ״ד ניסן תשפ״ד

**חלק א**

א

# שבעה שבועות תספר לך; מיר ווערן אויסגעלייטערט דורך די בענקשאַפט צו קבלת התורה

### ספר החינוך; ספירת העומר איז אַ מצוה פון בענקשאַפט

דער הייליגער חינוך זאָגט ביי דער מצוה פון ספירת העומר (מצוה שו) אַז השי״ת האָט אונז געגעבן די מצוה, צו ציילן פון מחרת יו״ט פּסח ביז דעם טאָג פון נתינת התורה, **כדי אַרויסצוברענגען פון אונזער נפש די גרויסע תשוקה און כיסופים וואָס מיר האָבן צו קבלת התורה.** ווי דער פּסוק זאָגט (איוב ז, ב): כְּעֶבֶד יִשְׁאַף צֵל - אַזויווי אַ קנעכט וואָס מוטשט זיך און אַרבעט פאר יענעם, וואָס דערפאַר האָט ער אַ טיפע שאיפה צו אַרויסגיין אויף דער פרייהייט. אַזוי האָט דער איד אַ מורא׳דיגע שאיפה צו קבלת התורה.

דער חינוך זאָגט אַז השי״ת האָט אונז געגעבן די ספּעציעלע מצוה פון ׳ספירת העומר׳, כדי אַרויסצוברענגען אָט די שאיפה, אַז אידישע קינדער זאלן ציילן: ׳**מתי יבא העת הנכסף אליו שיצא לחירות**׳ - ווען וועט שוין קומען די צייט וואָס מ׳וואַרט דערויף מיט אַזעלכע כיסופים, וואָס דעמאָלט וועלן מיר אַרויסגיין לחירות. ווייל **די תורה איז דאָך די שפּיץ פרייהייט פון אַ איד** - אין לך בן חורין אלא מי שעוסק בתורה. און ווען אַ מענטש ציילט, ווייזט דאָס אַז ׳כל ישעו וכל חפצו׳ איז אָנצוקומען צו יענע צייט.

### אַרויסקוקן צו זמן מתן תורה ווי אַ קינד צו אַ חתונה

מ׳קען דאָס זען ביי קינדער, וואָס זיי האָבן נאָך דעם באַגריף פון וואַרטן און ציילן די טעג, ווען זיי קוקן אַרויס אויף אַן אויספלוג אָדער אויף אַ חתונה. **זענען זיי ממש פאַרנומען צו ציילן וויפיל טעג ס׳איז נאָך געבליבן.** ערוואַקסענע מענטשן האָבן שוין נאָך זאַכן אויפ׳ן קאָפּ חוץ יענע געשעעניש... אָבער ביי קינדער קען מען זען וויאַזוי פון דער מינוט וואָס זיי שטייען אויף אינדערפרי, איז זייער גאַנצער מהות אַריינגעלייגט אין דער מחשבה: ״ווען גייט שוין קומען יענער טאָג״.

אַזוי דאַרף אַ איד אויסקוקן, מיט אַזאַ תשוקה צו קבלת התורה, און דערפאַר האָט אונז דער רבוש״ע געגעבן אַ מצוות עשה, אשר קדשנו במצותיו וצונו על ספירת העומר, אַרויסצוברענגען אונזער רצון וואָס מיר ווילן אָנקומען צו דעם גרויסן זמן.

דער חינוך זאָגט נאָכמער, אַז דער סדר פון ספירת העומר איז נישט אַז מ׳הייבט אָן פון 49 און מ׳ציילט אַראָפּ, וואָס דאָס וואָלט לכאורה געווען די געוועגליכע וועג, נאר מ׳הייבט אן פון ׳יום אחד לעומר׳ און מ׳ציילט אויף אַרויף. דאָס איז וויבאַלד **ס׳איז אונז שווער צו פאַרנעמען אַז ס׳איז נאָך דאָ אַזאַ לאַנגע צייט** פון גאַנצע 49 טעג ביז מתן תורה,

אותיות מחכימות

ספר החינוך מצוה שו

נִצְטַוִּינוּ לִמְנוֹת מִמָּחֳרַת יוֹם טוֹב שֶׁל פֶּסַח עַד יוֹם נְתִינַת הַתּוֹרָה, לְהַרְאוֹת בְּנַפְשֵׁנוּ הַחֵפֶץ הַגָּדוֹל אֶל הַיּוֹם הַנִּכְבָּד הַנִּכְסָף לְלִבֵּנוּ, כְּעֶבֶד יִשְׁאַף צֵל, וִימַנֶּה תָּמִיד מָתַי יָבוֹא הָעֵת הַנִּכְסָף אֵלָיו שֶׁיֵּצֵא לְחֵרוּת, כִּי הַמִּנְיָן מַרְאֶה לָאָדָם כִּי כָּל יִשְׁעוֹ וְכָל חֶפְצוֹ לְהַגִּיעַ אֶל הַזְּמַן הַהוּא.

וְזֶהוּ שֶׁאָנוּ מוֹנִין לָעֹמֶר, כְּלוֹמַר כָּךְ וְכָךְ יָמִים עָבְרוּ מִן הַמִּנְיָן, וְאֵין אָנוּ מוֹנִין כָּךְ וְכָךְ יָמִים יֵשׁ לָנוּ לַזְּמַן, כִּי כָּל זֶה מַרְאֶה בָּנוּ הָרָצוֹן הֶחָזָק לְהַגִּיעַ אֶל הַזְּמַן, וְעַל כֵּן לֹא נִרְצָה לְהַזְכִּיר בִּתְחִלַּת חֶשְׁבּוֹנֵנוּ רִבּוּי הַיָּמִים שֶׁיֵּשׁ לָנוּ לְהַגִּיעַ לְקָרְבַּן שְׁתֵּי הַלֶּחֶם שֶׁל עֲצֶרֶת.

דערפאַר הייבט מען אן ציילן פון יום אחד, אַז יעדן טאָג זאָל מען זיך דערמאַנען אַז מ'האלט שוין נאָענטער צו דעם יום הנכסף.

## כדי שיטהרו נפשות עמך ישראל

למעשה אָבער, אין דער תפלה פון 'רבונו של עולם אתה צויתנו' וואָס מיר זאָגן נאָך ספירת העומר, דערמאַנט מען בעיקר אַז **די תכלית פון ספירת העומר איז 'לטהרינו ולקדשינו'**. אויך אַלע ספרים הק' רעדן שטאַרק אַרום וועגן דער נקודה פון 'זיכוך', אַז אַ מענטש דאַרף זיך רייניגן בעפאַר ער קומט מקבל זיין די תורה, און **דער וועג וויאַזוי מ'רייניגט זיך איז דורך די ספירה טעג**, ווי מ'זאָגט די אַלע לשונות: 'אתה צויתנו לספור ספירת העומר כדי לטהרנו מקליפותנו ומטומאתנו וכו''.

דאָס הייסט אַז אין די ימי הספירה דאַרף אַ איד זיך מזכך זיין, כדי אַז **ער זאָל קענען אָנקומען צו דעם טאָג פון קדושה מיט אַ ריכטיגע הכנה**. דאָס איז אודאי געבויעט אויף דער **משנה** אין פרקי אבות (ב, יב): 'התקן עצמך ללמוד תורה'. - מ'דאַרף זיך צוגרייטן צו לערנען תורה, און די הכנה איז דורכדעם וואָס מען ווערט פטור פון תאוות און פון מדות רעות.

די ספרים ברענגען וואָס שטייט אין זוהר הק' אַז די זיבן וואָכן זענען **קעגן די שבעה נקיים וואָס מ'דאַרף זיך רייניגן פון טומאה**. אין די טעג פון ספירה איז דאָ אַן עבודה צו אַרבעטן אויף די מדות, ווייל 'דרך ארץ קדמה לתורה'. און דורכדעם וואָס מ'איז זיך מטהר אין די טעג, קען מען נאָכדעם זיך מדבק זיין מיט'ן רבוש"ע אין דעם אויסגעבענקטן טאָג פון זמן מתן תורתינו.

## די השתוקקות לייטערט אויס

אויבנאויף קוקט דאָס אויס ווי צוויי באַזונדערע זאַכן. דער חינוך רעדט פון **דער געוואַלדיגער תשוקה** וואָס ספירת העומר ברענגט אַרויס צום יום טוב שבועות. ווידעראום דער נוסח פון רבוש"ע און די ספרים הק' רעדן וועגן דעם ענין אַז **מ'דאַרף זיך מזכך ומטהר** זיין אין די טעג.

אָבער מיר ווייסן דאָך אַלעמאָל דעם כלל אַז '**משפטי ה' אמת צדקו יחדיו**' - אַלע ענינים פון דער תורה איז אַלעס איינס. די שאלה איז נאָר וויאַזוי מ'קוקט דערויף, פון דער זייט אָדער פון דער אַנדערער זייט, אָבער אַלעמאָל איז עס 'צדקו יחדיו'. **ס'איז בעצם די זעלבע נקודה.** לויט דעם פאַרשטייט מען אַז ווען אַ איד איז ריכטיג משתוקק צו מתן תורה, **איז דאָס אַליין די בעסטע מיטל וואָס איז אים מזכך ומטהר**. די עצם תשוקה וואָס אַ איד האָט צו אַ דבר שבקדושה, דורכדעם ווערט ער מזוכך.

## זיכוך הגוף דורך האָרעווען און דורך השתוקקות

דאָס הייסט אַזוי: ס'איז דאָ איין סאָרט וועג וויאַזוי אַ מענטש איז זיך מזכך, דורך 'סור מרע' - ווען אַ מענטש האָרעוועט אויף זיך. **ער רייסט שטיקער פון זיין גוף.** ער פאַסט תעניתים, אָדער ער טוט שווערע עבודות פאַר אַ דבר מצוה, וואָס קאָסט אים אָפּ שווייס.

אָבער ס'איז אויך פאַראַן נאָך אַ מהלך, אַז מ'קען זיך אויסלייטערן מיט 'עשה טוב', **דורכדעם וואָס מען איז עוסק אין השתוקקות.** מען בענקט און מען קוקט אַרויס אויף אַ מצוה מיט'ן גאַנצן וועזן. נישט בלויז מען לערנט דאָס לשון פון דעם 'ספר החינוך', נאָר מ'ליגט דערינען באמת, מ'טראַכט דערפון, און **מ'לעבט מיט אַזאַ מחשבה**. דאָס ברענגט אַז דער מענטש זאָל ממש אויסגעלייטערט ווערן!

ב

# לטהרינו ולקדשינו; ווען מען שפירט השי"ת איז גוט אויפ'ן האַרץ

## כדי צו קענען מרגיש זיין השי"ת דאַרף מען האָבן אַ ריינע נשמה

כדי דאָס בעסער צו פאַרשטיין:

ווען אַ מענטש איז נישט מזוכך, איז פשט דערפון אַז **דער מגושם'דיגער כח פון זיין גוף איז זייער שטאַרק**, ווידעראום די חלק פון זיין נשמה איז פאַרשלאָפן און ס'איז זייער שטאַרק בהסתר. דאָס ברענגט אויטאָמאַטיש אַ 'מסך המבדיל', וואָס פאַרשטעלט און לאָזט נישט פאַר'ן איד צו קענען שפירן די געוואַלדיגע ליכטיגקייט וואָס די תורה און די אלוקות ברענגט צו אים, **וויבאַלד זיין גוף איז אַרומגענומען מיט אַ שווערע חומר וואָס לאָזט נישט דורך די ליכטיגקייט**.

אָבער ווען אַ איד איז זוכה און זיין גוף איז נישט מסתיר, דעמאָלט **איז נישטאָ עפּעס וואָס האַלט צוריק די דביקות פון דער נשמה צום רבוש"ע**. ער קען שפירן דעם אויבערשטן!

דאָס הייסט אַז מ'זוכט נישט דאָ דעם 'זיכוך', אַלס אַ תכלית פאַר זיך. **די זיכוך איז אַ מיטל, וואָס דורכדעם קען די נשמה שפירן דעם רבוש"ע**, ווייל אַזוי איז דער מענטש אויף זיין ריכטיגער פלאַץ. און דעמאָלט קען די נשמה מרגיש זיין דעם אויבערשטן, און כביכול השי"ת קען זיך מקרב זיין צום מענטש - ס'גייט אויף ביידע וועגן.

## ווילאַנג מ'הערט דעם טאַטן'ס קול איז מען נאָכנישט פאַרבלאָנדזשעט

הרה"ק ר"ר **שמעלקא ניקלשבורגער** זי"ע ברענגט (דברי שמואל פרשת בחקותי) פון הרה"ק ר"ר **אלימלך מליזענסק** זי"ע, אויף דעם ענין וויאַזוי השי"ת האָט רחמנות אויף יעדן איד, אַז ער זאָל נישט ווערן משוקע אין תאוות עולם הזה. האָט די ר"ר אלימלך געזאָגט אַ משל:

אַ טאַטע איז געפאָרן מיט זיין איינציג באַליבט קינד מיט אַ וואָגן צו אַ געוויסע פלאַץ. אויפ'ן וועג זענען זיי דורכגעגאַנגען אַ וואַלד, און זייענדיג אין וואַלד האָט דאָס קינד באַמערקט אַז ס'וואַקסט דאָרט אַזעלכע קליינע 'יאַגדעס' פּרוכט. דאָס קינד האָט זייער געוואָלט קלויבן און עסן פון די געשמאַקע פּירות, האָט ער געבעטן פון זיין פאָטער: וואַרט צו, פאַר נישט שנעל, ווייל כ'וויל עסן פון די פּירות.

דער טאַטע האָט זיך געיאָגט, און נישט געהאַט קיין צייט צו וואַרטן אַזוי לאַנג. אָבער דאָס קינד איז פאַרנומען מיט זיינע גליסטענישן, און ער קלויבט אַראָפּ נאָך און נאָך. דער טאַטע האָט אָנגעהויבן זאָגן: מ'דאַרף גיין ווייטער, פאַרוואָס האַלטסטו אויף שוין עטליכע שעה אין וואַלד? **אָבער דאָס קינד וויל נישט גיין**, ווייל די תאוה איז אים צו זיס און געשמאַק.

דער טאַטע האָט געזען אַז ער האָט נישט קיין ברירה מיט'ן קינד, און ס'איז דאָך זיין בן יחיד. הגם ער פירט זיך אויף נאַריש אין דעם יעצטיגן מצב, אָבער די רחמנות צו זיין זון איז זייער גרויס. האָט דער פאָטער געזאָגט פאַר'ן קינד: איך האָב אַן עצה. 'שמע בקולי' איעצך' - איך וועל ווייטער פאָרן, אָבער כ'האָב מורא אַז דו וועסט זיך פאַרבלאָנדזשן אין וואַלד און דו וועסט נישט טרעפן דעם וועג צוריק צו מיר, **דערפאַר זאָלסטו יעדע עטליכע מינוט שרייען 'טאַטע טאַטע', און איך וועל דיך ענטפערן 'בני בני'**. ווילאַנג דו וועסט הערן מיין קול, וועסטו וויסן אַז מיר זענען נישט צו ווייט איינער פונעם אַנדערן, מ'וועט זיך נאָך קענען טרעפן. **אָבער ווען דו הערסט שוין נישט וויאַזוי איך שריי צוריק, וועסטו דורכדעם פאַרשטיין אַז דו ביסט שטאַרק פאַרבלאָנדזשעט**

**אין וואַלד**, און דו דאַרפסט לויפן וואָס שנעלער, כדי מיר צו טרעפן.

האָט דער ר״ר אלימלך געזאָגט 'והנמשל מובן': מיר ווערן אָנגערופן 'בנים למקום ברוך הוא', **אָבער מיר ווערן ליידער פאַרנומען מיט תאוות עולם הזה**. דעריבער ווילאַנג אַ מענטש רעדט צום אויבערשטן און ער שפירט אַז השי״ת ענטפערט אים, ווייסט ער אַז ס'איז נאָך דאָ אַ קשר, אָבער אויב אַ מענטש שפירט אַז זיין נשמה איז שוין אַזוי ווייט, אַז ער קען שוין נישט הערן דעם רבוש״ע, ווייסט ער אַז ער איז געגאַנגען צו ווייט. און ער דאַרף זיך שנעל צוריק דערנענטערן.

### די טיפע צער וואָס פּאַסירט ווען מיר זענען דערווייטערט

לענינינו, אַ איד דאַרף זיך מזכך זיין, נישט ווייל דאָס אַליין איז אַ תכלית זיך צו שמייסן דעם גוף. די תורה הק' איז דאָך 'דרכיה דרכי נועם'. די ציל איז נישט אַז מ'זאָל זיך פּייניגן דעם גוף. **די תכלית איז איין זאַך: אַז די נשמה זאָל שפירן דעם אויבערשטן, און אַז דער רבוש״ע זאָל כביכול זיך קענען טרעפן מיט דער נשמה**. עס זאָל קענען זיין אַ דביקות פון ביידע זייטן. - אַז אונזער נשמה זאָל קענען מרגיש זיין השי״ת, און דער רבוש״ע זאָל האָבן ביי אונז אַ פּלאַץ וואו צו ריען. ס'זאָל נישט זיין קיין גרויסער מסך המבדיל.

דער רבוש״ע זוכט אַלעמאָל וואו צו קענען ריען, ער האָט נישט וואו צו זיין. אָבער **ווען די נשמה האָט אַזויפיל שמוץ אַרויפגעלייגט דערויף, קען ער דאָרט נישט ריען**. דאָס איז אַ געוואַלדיגע צער **פאַר די שכינה הק'** אַז זי האָט נישט וואו צו זיין, און ס'איז אויך אַ צער **פאַר דער נשמה** וואָס איז נישט מרגיש דעם רבוש״ע. די נשמה איז פאַרבלאָנדזשעט. זי שרייט 'טאַטע טאַטע' אָבער זי שפירט נישט די זיסקייט פון דער תורה. **דער מענטש איז אָפּגעריסן פון דעם פּלאַץ וואָס גיט אים חיות**. דאָס איז נעבעך אַ געוואַלדיגע גלות וואו די נשמה געפינט זיך.

## מ'דאַרף רופן אַ פירמע וואָס רייניגט און נעמט אַוועק די אַלע מיסט

### אַ לעבן פון קרבת אלקים פאַרגרינגערט אַלע צרות

מ'דאַרף דאָס באַמערקן, ווייל עס פּאַסירט אַסאַך מאָל ווען דער מענטש שפירט אַ מורא'דיגע צער. **גאָרנישט גייט אים נישט אין לעבן, בשעת וואָס פאַר יענעם גייט יאָ אַ גוט**. ער איז אַזוי געפאַלן ביי זיך אַז ווען מ'וויל אים מחזק זיין זאָגט ער: דו רעדסט אַזעלכע שיינע ענינים וועגן דעם אויבערשטן, אָבער דו פאַרשטייסט מיך נישט, ווען דו וואָלסט געוואוסט וואָס פאַראַ גרויסער צער איך גיי דורך...

דער אמת איז אָבער, אַז ווען די נשמה וואָלט געשפּירט דעם רבוש״ע, וויאַזוי ס'איז 'מלא כל הארץ כבודו', **וואָלט אים געווען אַסאַך לייכטער אויף'ן הארץ**. נאָר זעט אויס אַז עפּעס אַ פּראָבלעם איז דאָ, וואָס דערפאַר שפירט נישט די נשמה דעם אויבערשטן, און **דאָס איז די איינציגסטע סיבה פאַרוואָס דער מענטש געפינט זיך אין אַזאַ גרויסער צער**. ווען ער וואָלט מרגיש געווען דעם אויבערשטן וואָלט אים זיכער גוט געווען!

יעצט דאַרף מען נאָר זען פאַרוואָס שפירט מען טאַקע נישט דעם אויבערשטן?! די סיבה איז, **ווייל ס'איז דאָ אַ מסך וואָס איז מבדיל**. אַמאָל קען זיין אַז דער מסך המבדיל פּאַסירט דורך **תאוות**, אַמאָל קען עס קומען ווען דער מענטש האָט אַ **חסרון אמונה**, למשל ווען ער איז ברוגז אויף אַ זאַך פון זיין לעבן, אָדער ווען ער איז פאַרנומען צו מאַכן אַז עפּעס זאָל געשען די וועג וויאַזוי ער וויל, ער אַרבעט מיט אַזויפיל טרחא און שווייס, און ער פאַרגעסט אינגאַנצן פון דעם רבוש״ע. ער שטופּט פון אַלע זייטן, אפשר וועט עס אַרבעטן פון דער וועג, אפשר פון דער אַנדערער וועג... דאָס ברענגט אַ מסך המבדיל.

ג

# קיטון אחד עשה לי; די הכנה צו קבלת התורה איז אַראָפּנעמען דעם מסך המבדיל

### זיך גרייטן צו מתן תורה דורך מאַכן פּלאַץ פאַר השי״ת

דערפאַר, ווען מיר זוכן זיך צוצוגרייטן צו קבלת התורה, דאַרף מען זיך מדבק זיין צום רבוש״ע, **דורכדעם וואָס מ'נעמט אַראָפּ דעם מסך המבדיל**. אַזוי וועט ער קענען ריען אויף אונז, און ס'וועט זיין גוט כביכול פאַר'ן אויבערשטן און פאַר אונז. **דאָס איז די מהלך פון די הכנה לקבלת התורה וואָס השי״ת האָט אונז געגעבן**, כדי אַז ס'זאָל נאָכדעם קענען זיין 'וירד ה' על הר סיני', ער זאָל קענען זיין צוזאַמען מיט אונז.

דער **בית אהרן** פון **קאַרלין** זי״ע האָט געזאָגט אַז מ'זאָל לערנען דעם מדרש אין אָנהויב פרשת תרומה, ווייל פון דעם מדרש קען מען ווערן אַ חסיד. דער מדרש רבה ברענגט דאָרט אַ משל פון אַ מלך וועלכער האָט געהאַט אַ בת יחידה, וואָס ער האָט געוואָלט אַז זי זאָל חתונה האָבן, אָבער ער האָט איר אויך נישט געקענט איבערלאָזן. האָט דער מלך געזאָגט פאַר זיין איידעם: "מיין טאָכטער איז מיר איינציג, איך קען זיך נישט אָפּשיידן פון איר, און כ'קען דיך אויך נישט זאָגן אַז דו זאָלסט איר נישט נעמען. אויב אַזוי בעט איך דיך אַ טובה, **אין יעדע פּלאַץ וואו דו גייסט, מאַך מיר אַ קליין צימער'ל, אַז כ'זאָל אויך קענען וואוינען און פאַרברענגען מיט אייך**, ווייל איך קען נישט איבערלאָזן מיין טאָכטער".

זאָגט דער מדרש: **כך אמר הקב״ה לישראל: נתתי לכם את התורה, לפרוש הימנה איני יכול, לומר לכם אל תטלוה איני יכול, אלא בכל מקום שאתם הולכים, בית אחד עשו לי שאדור בתוכו, שנאמר ועשו לי מקדש.**

דער רבוש״ע זאָגט פאַר אידישע קינדער, איך קען זיך נישט אָפּשיידן פון די תורה, אָבער איך האָב אויך געוואָלט אַז די תורה זאָל געגעבן ווערן פאַר אידן, וואָס זיי זענען דער 'בן זוג' פון דער תורה. דערפאַר האָב איך אַן עצה: איך גיב אייך טאַקע אַוועק די תורה, אָבער איך וויל ווייטער קענען ריען ביי אייך. ווען איר לערנט תורה זאָל איך אויך דאָרט קענען אַריינקומען. **די תורה זאָל זיין אויף אַ צורה פון 'ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם', ווייל איך וויל דאָרט זיין מיט דיר!** אויב מ'לערנט נישט די תורה אויף אַזאַ אופן, האָט השי״ת כביכול אַ צער דערפון, ווייל יעצט האָט ער נישט, **נישט די תורה און נישט דעם איד.**

### אין די ימי הספירה מאַכן מיר זיך אַ וואוינונג פאַר דער שכינה

אָט דאָס פּרובירט מען צו טון אין די וואָכן פון ספירת העומר. אידישע קינדער זענען עוסק אין די טעג צו בויען אַזאַ פּלאַץ **אַז די נשמה זאָל קענען שפירן דעם אויבערשטן, און אַז דער רבוש״ע זאָל קענען זיין צווישן אונז**. אָבער ווילאַנג דער מענטש איז נישט מזוכך, איז דאָ אַ פּראָבלעם. דער אויבערשטער קען נישט שורה זיין ביי אים. דאַרף מען פשוט אַוועקשאַרן די אַלע שמוץ, **מ'דאַרף רופן אַ פירמע וואָס רייניגט און נעמט אַוועק די אַלע מיסט**, כדי צו מאַכן פּלאַץ אַז השי״ת זאָל קענען דאָ קומען און זיין מיט דער תורה.

דאָס קען מען טון אויף צוויי אופנים: **אָדער דורך 'סור מרע'** - מען איז פאַרנומען מיט'ן רע; מען שמייסט דעם רע; און מען שטופּט אים אַרויס. אָדער איז דאָ **אַן אַנדערע מהלך פון 'עשה טוב'**, ווען דער מענטש איז מעורר זיין כח הנשמה **דורכדעם וואָס ער הייבט אָן טון מצוות ומעשים טובים מיט אַ געשמאַק און מיט מער חיות**, אויטאָמאַטיש וועט זיין נשמה אַרויסשיינען

פון דעם מסך המבדיל און די שמוץ פאַלט אַראָפּ באופן ממילא.

### די תשוקה באַלייכט די פינסטערניש

דאָס איז פונקט אַזוי ווי מ'קען זען ביי אַ מענטש וואָס האָט גרויסע פּראָבלעמען אין לעבן, אָבער ווען ער ווערט פאַרנומען צו טון חסד מיט אַנדערע מיט'ן גאַנצן האַרץ און מיט אַ געשמאַק, ווערן **פלוצים אַלע זיינע פּראָבלעמען זייער קליין ביי אים אין נפש.** דער מענטש זאָגט: "ווען כ'וואָלט געהאַט צייט צו זיצן און זיך דערמאַנען פון מיינע צרות, וואָלט איך טאַקע באמת געווען בצער, אָבער ס'איז מיר דערווייל נאָכנישט אויסגעקומען... וויל כ'בין אַזוי פאַרנומען מיט גוטע זאַכן"... ס'איז אים פשוט ליכטיג און געשמאַק, ווייל ער לעבט - במדה מסוימת - אין אַ וועלט פון גאולה.

די זעלבע זאַך איז, ווען אַ איד צינדט אָן דעם אור פון תורה אָדער דער אור פון מצוות, איז דאָס דוחה אַלע חושך. און **ווען אַ איד האָט אַ 'תשוקה לדבר שבקדושה' איז דאָס איינס פון די אופנים וויאַזוי ער קען באַלייכטן דעם חושך.** ווען אַ מענטש האָט אַן אמת'ע תשוקה צו אַ דבר שבקדושה, מאַכט דאָס לעבעדיג זיין נשמה און **ווען ער שפּירט די נשמה קען ער אויך שפּירן דעם אויבערשטן.**

פּונקט אַזוי ווי די לבנה האָט מצבים אינמיטן חודש ווען ס'לייכט און ס'שיינט, און סוף חודש ווען ס'איז טונקל און קלענער. אַזוי אויך האָט די נשמה צייטן ווען ס'איז יעצט טונקל - די נשמה איז אַלעמאָל דאָ ביי אַ איד, אָבער יעצט קען מען עס נישט שפּירן און עס באַלייכט נישט. אָבער **ווען אַ איד איז משתוקק צו אַ דבר שבקדושה, ווערט זיין נשמה יעצט אַזוי ווי אינמיטן חודש, ס'איז געוואָרן אַ גאַנצע לבנה!** און ווען דאָס פּאַסירט, ווערט דער גוף אויטאָמאַטיש פאַרקלענערט. פאַר'ן גוף איז יעצט סוף חודש. אַזוי קען מען ריכטיג מקיים זיין דעם 'התקן עצמך ללמוד תורה', און זיך צוגרייטן צום זמן מתן תורתינו.

נקודה למחשבה

## וידום אהרן; די גרויסע שכר פאַר'ן אויסהערן וואָס השי"ת האָט צוזאָגן

### אהרן הכהן לערנט אונז וויאַזוי צו מקבל זיין יסורים באהבה

די וואָך לערנען מיר אין דער פרשה דער פסוק פון 'וידום אהרן'. **דאָס איז פון די שטאַרקסטע מקורות אין דער תורה אויף דעם ענין פון קבלת יסורים באהבה.** דאָס איז דאָך געווען אַזאַ ביטערע קלאַפּ וואָס אהרן הכהן האָט מקבל געווען באהבה. נישט סתם אַ קלאַפּ, נאר ס'איז געשען אין דעם פריילעכן טאָג, ראש חודש ניסן יום הקמת המשכן. דער שטייגער איז, אַז ווען די נפש געפינט זיך אין אַ מצב פון שמחה און אינמיטן דרייט זיך אַלעס איבער אויף פונקט פאַרקערט, איז דאָס זייער אַ שווערע איבערגאַנג.

אויסערדעם, די עצם מושג אַז ס'האָט פּאַסירט פון איין סעקונדע צום צווייטן, און בפרט אַז אהרן הכהן האָט פאַרלוירן אַזעלכע צוויי הייליגע קינדער. אָבער **די תורה הק' איז מעיד: 'וידום אהרן'** - אהרן האָט עס אָנגענומען ריכטיג. ער האָט געשוויגן און זיך נישט מתרעם געווען חלילה.

### וואָס איז די מדה כנגד מדה פון 'נתייחד עמו הדיבור'?

**חכמינו ז"ל** זאָגן (מובא ברש"י עה"כ) אַז אהרן האָט באַקומען אַ שכר אויף זיין שתיקה. אַז ס'איז געווען 'נתייחד עמו הדיבור'. די קומענדיגע פרשה פון 'שתוי יין' האָט דער רבוש"ע געזאָגט נאר פאַר אהרן, אַלס אַ שכר פאַר דעם 'וידום'.

מיר ווייסן דאָך דעם כלל אַז אַלע שכר ועונש גייען מיט אַ מהלך פון 'מדה כנגד מדה'. וואָס איז דאָ געווען די מדה כנגד מדה, אַז פון 'וידום אהרן' איז געוואָרן אַ 'נתייחד עמו הדיבור'?!

### נישט אַוועקכאַפּן די פּענע אינמיטן...

נאר דאָ ליגט אַ שטאַרקע דערהער: ווען דער רבוש"ע פירט דעם מענטש מיט אַ געוויסע הנהגה, איז דער באַדייט דערפון, אַז **דער אויבערשטער רעדט יעצט מיט אים.** צומאָל קען מען זען ווי צוויי מענטשן שמועסן און ביידע ווילן נאר רעדן און נישט הערן. איינער שרייט אויפ'ן צווייטן: "לאָז מיר אויסרעדן"... לאָדך גיסא, איז דאָ אַ באַגריף ווען אַ מענטש הערט אויס יענעם מיט אַ שטאַרקע הכנעה: "איך וויל יעצט נישט רעדן, איך וויל הערן וואָס יענער זאָגט".

אַ קלוגער איד האָט אַמאָל געזאָגט: **דער רבוש"ע שרייבט דעם גאַנצן עתיד פון אַ מענטש, דיין גאַנצע נצחיות און דיין גאַנצע תכלית, פּרוביר נישט אַוועקצוכאַפּן די פּענע אינמיטן!** דאָס איז טייטש 'וידום אהרן' - דער איד איז מסכים צו הערן וואָס השי"ת רעדט מיט אים.

### אַז מ'הערט אויס, רעדט דער רבוש"ע

ס'איז געווען אַ איד וואָס האָט זיך נעבעך שטאַרק געמוטשעט מיט אַן ענין פון רפואה. איז געווען אַמאָל ווען איינער איז אים געקומען זאָגן פאַרשידענע מיינונגען מיט דעות, האָט דער איד זיך אָנגערופן: "דער אויבערשטער רעדט יעצט מיט מיר. **איך בעט דיר אַ טובה. מיש זיך נישט אַריין. ס'איז אַ פּריוואַטער שמועס...** איך וויל הערן און מקבל זיין וואָס ער זאָגט מיר..."

און ווען אהרן הכהן האָט מקיים געווען דעם 'וידום' אויף אַזאַ סאָרט אופן, איז טאַקע געווען דער שכר אַז 'נתייחד עמו הדיבור', ווייל **דאָס איז ממש די זעלבע זאַך!** אויב דו ביסט דאָ מיט'ן גאַנצן גרייטקייט צו אויסהערן וואָס השי"ת זאָגט און דאָס צו מקבל זיין מיט הכנעה, האָסטו זיך אַריינגעלייגט אין אַ מצב וואָס דער רבוש"ע קען רעדן צו דיר - נתייחד עמו הדיבור!


## פטרון השבוע

יעמדו על הברכה שלקחו חלק בהפצת הגליון

נתנדב ע"י ידידנו
**הרוצה בעילום שמו**
**לברכה והצלחה בכל הענינים**
זכות לימוד תורה דרבים של אלפי ישראל יעמוד להם
להתברך בבני חיי מזוני רויחי מתוך בריות גופא ונהורא מעליא

ישלם ה' פעלם ויזכו לכל הברכות האמורות בתורה

צו נעמען אַ זכות און די הפצת הגליון אָדער פאַר סיי וועלכע הערות ביטע רופט:
718.387.1122
info@machonhavineini.com

קול הבינני

| | |
|---|---|
| ארה"ב | 718.686.8300 |
| א"י | 072.257.7726 |
| בריטניה | 0204.586.2115 |
| בלגיה | 03.300.0223 |

## ניתן להשיג הגליון במקומות הבאים:

**באראַ פארק**
ביהמ"ד סאטמאר 53 לאקער #62
ביהמ"ד קראסנא לאקער #166
ביהמ"ד ראחמיסטריווקא–ליד המקוה
ביהמ"ד טאהש–ליד המקוה
The Winery 18 Ave

**וויליאמסבורג:**
ביהמ"ד סאטמאר–בנין בראך–לאקער #213
ביהמ"ד בראשוב–לאקער 58
Central Market
ביהמ"ד וויען–שמש שטיבעל
ביהמ"ד קראלי–שמש שטיבעל

**מאנסי**
ביהמ"ד סאטמאר Monsey 13
ביהמ"ד דעלעטין
ביהמ"ד ראדאשיץ–Airmont
ביהמ"ד דאמבראווא
ביהמ"ד ויואל משה סאטמאר
ביהמ"ד ווילעדניק
ביהמ"ד נצח ישראל–פּארשעי
ביהמ"ד הגדול וויזניץ 25 Phyllis Terrace

**קרית יואל**
ביהמ"ד אהל פיגא
ביהמ"ד בית אלעזר
ביהמ"ד בית מנחם זאב
ביהמ"ד ישמח משה
ביהמ"ד אבני צדק
ביהמ"ד רב טוב
ביהמ"ד בית דוב